# THE SHEPHERD OF ISRAEL

NOVEMBER, 1934 JOSEPH HOFFMAN COHN, Editor of English Department VOL. XVII No. 3.


**He has the right book, but has the book shut and doesn't know where he is going.**




Drawn by Irving Kugler, a Jewish believer in the Lord Jesus Christ.

## THIS JEW OPENED THE BOOK AND FOUND THE RIGHT ROAD

Rev. John Moses Eppstein was born at Memel, in Prussia, Feb. 24, 1827. Soon after his birth his father died, and he was brought up by his maternal grandfather, Rabbi Benjamin Eppstein, who retired to Jerusalem when his grandson was nine years old, adopting him as his son, and making him take the name of Eppstein. Until he was sixteen years old Moses was taught little else than Hebrew and the Talmud. About this time several friends of his became Christians. At first the only effect was to make him more bigoted; indeed, he went about with a dagger for some time in the hope of killing his cousin Lauria, a rabbi who had become a Christian. At last, thru the latter, he was led to study the Prophets, and eventually the New Testament. After this his eyes began to be opened to the truth, as he saw fact and type fulfilled in Jesus of Nazareth, who must have been the promised Messiah. The Talmud was put aside for the whole written Word of God; this he studied at the risk of being killed, the reading of even the Old Testament causing suspicion. He had therefore to resort to all sorts of contrivances to enable him to search the Scriptures. His own words tell out his feelings at this time:- "My convictions deepened daily, and I longed to openly confess the Lord Jesus; but I had not the courage to give up all for him.

### "HIDE YOUR CONVICTIONS!"

"All sorts of thoughts swayed my mind, and often, when my conscience troubled me, something would whisper to my troubled heart, 'When you grow up and get your property you will be free to embrace Christianity, now your wisdom is to hide your convictions.' But I was not happy, and continued praying, and the Lord heard my prayer, for I was soon compelled to take refuge with the Society's missionaries. In the house where I lived there was a small synagogue. I was the only Levite in the congregation, so that on days when the Law was read I had to read after the priest; as I was going up to the desk my sash was caught, and the tracts I had in it fell out. The bystanders stepped forward to see what they were; on finding their contents, 'Apostate', they yelled, 'with these about you, you desecrate our place of worship, and dare even to go up to read the Law!' The whole congregation began beating me. As soon as I was free from my persecutors, my only safety was in flight. I went to my room, and committed myself in prayer to the Lord, and then went straight to the house of Mr. Nicolayson." After a course of instruction he was baptized, July 13, 1844, by Bishop Alexander.

### GOES TO BAGDAD

After his baptism he found a situation in Cairo, in which he stayed for several years, until he felt the missionary call. He entered the Protestant College at Malta, as a theological student, spending five years there. In 1857 he was appointed a missionary at Bagdad. The results of his work are summed up in his own words, "The mission was a great success, not from the number of baptisms, but from the large numbers to whom we preached Christ." In 1867 he commenced his great work at Smyrna, where, thru his labors during eighteen years, many Jews were born again, and were baptized. One who knew him and his work there wrote, "Mr. Eppstein will ever be remembered by thousands of Jews living at Smyrna, and in the interior of Asia Minor. He had friends amongst the rich as well as the poor, whilst learned and unlearned looked up to him for his great learning and Talmudical knowledge."

### HAPPY IN DEATH

At last, in May, 1903, his call came to higher service. Shortly before his death, though suffering greatly, he said he was "the happiest man in the world," and again, "I thank God that He enabled me to lay hold of the Pearl, and to lay hold of it with both my hands."


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

## HOW MANY TIMES HAVE YOU BEEN BORN?

Printed by special permission of the author, Rev. Coulson Shepherd, a gentile believer in the Lord Jesus Christ, who has been born twice, and who loves the Jews with a true heart.

There are two births and there are two deaths -- the natural and the spiritual birth, and the natural and the spiritual death. The natural birth has to do with our entrance into the world, while the spiritual birth has to do with our conversion, our entrance into the Kingdom of God. Natural death is separation of soul from body, while spiritual death is separation from God. That is why the Lord Jesus said:

"Verily, verily, I say unto thee, except a man be BORN of water (Word of God) and of the Spirit, he cannot enter the Kingdom of God." (John 3:5)

We all know that physical life begins with a birth. Spiritual life likewise begins with a birth. We become members of the human family by birth. We become members of the family of God by birth -- by being born again. There is no other way to get into God's family except by birth. Education, reformation, performing good deeds, joining a church, being religious, even trying to live a good life will not do it. "Ye must be born again." (John 3:7)

ALL ARE SINNERS

As a result of our natural birth we are all sinners by nature and by practice (Psa. 51:5, Rom. 5:12), and our sins have separated us from God (Isa. 59:2). In spite of our sinful condition and enmity against God, He loved us and gave His Son, the Lord Jesus Christ to suffer, the just One for the unjust ones, that He might bring us to God (I Pet. 3:18). Jesus tasted death (Heb. 2:9), for us. He received, instead of us, the wages of our sins, death, separation from God (Matt. 27:46). This is the Gospel, the blood-bought, blood sprinkled way of being saved. Therefore we need not die twice.

"For the wages of sin is death; (eternal separation from God), but the gift of God is eternal life through Jesus Christ, our Lord." (Rom. 6:23)

"I wish," someone has sung:

I wish that there were some wonderful place
Called the Land of Beginning Again,
Where all our mistakes and all our heart-aches
And all our poor, selfish grief
Could be dropped like a shabby old coat, at the door,
And never put on any more."

You can search, North, South, East and West and never find this "wonderful place." It is not to be found in the natural realm. The words:

"Being BORN AGAIN, not of corruptible seed, but of incorruptible, by the word of God, which liveth and abideth forever." (I Pet. 1:23)

mean, if they mean anything, that there IS such a place. It is found in the spiritual realm. A man MAY have a fresh start. There is a breaking with the past. Consider a babe born into the world. We are impressed by its utter pastlessness. It has nothing to regret; nothing to forget. Everything is before it, nothing behind. That "Land of Beginning Again" is found in believing this Gospel and obeying the Word of God:

"But as many as received Him (The Lord Jesus Christ), to them gave He power to become the sons of God, even to them that believe on His name: which were BORN, not of blood, nor of the will of the flesh, nor of the will of man, but OF GOD." (John 1:12-13)

It is good to be well-born, but far better to be twice-born. If a man has been born but once, he will surely die twice, but if he has been born twice, he will only die once, and perhaps not even once. (I Thes. 4:13-18).

## A DRINK FROM THE FOUNTAIN

("Whosoever drinketh of the water that I shall give him shall never thirst; but the water that I shall give him shall be in him a well of water springing up into everlasting life." John 4:14)

In those days came John the Baptist, preaching in the wilderness of Judea, And saying, Repent ye: for the kingdom of heaven is at hand. For this is he that was spoken of by the prophet E-sai-as, saying, The voice of one crying in the wilderness, Prepare ye the way of the Lord, make his paths straight. And the same John had his raiment of camel's hair, and a leathern girdle about his loins; and his meat was locusts and wild honey. Then went out to him Jerusalem, and all Judea, and all the region round about Jordan, And were baptized of him in Jordan, confessing their sins.

But when he saw many of the Pharisees and Sad-du-cees come to his baptism, he said unto them, O generation of vipers, who hath warned you to flee from the wrath to come? Bring forth therefore fruits meet for repentance: And think not to say within yourselves, We have Abraham to our father: for I say unto you, that God is able of these stones to raise up children unto Abraham. And now also the axe is laid unto the root of the trees: therefore every tree which bringeth not forth good fruit is hewn down, and cast into the fire. I indeed baptize you with water unto repentance: but he that cometh after me is mightier than I, whose shoes I am not worthy to bear: he shall baptize you with the Holy Ghost, and with fire: Whose fan is in his hand, and he will throughly purge his floor and gather his wheat into the garner; but he will burn up the chaff with unquenchable fire.

Then cometh Jesus from Galilee to Jordan unto John, to be baptized of him. But John forbade him, saying, I have need to be baptized of thee, and comest thou to me? And Jesus answering said unto him, Suffer it to be so now: for thus it becometh us to fulfil all righteousness. Then he suffered him. And Jesus, when he was baptized, went up straightway out of the water: and, lo, the heavens were opened unto him, and he saw the Spirit of God descending like a dove, and lighting upon him: And lo a voice from heaven, saying, This is my beloved Son, in whom I am well pleased. Matthew 3

Reader, was the spirit of God (Ruach Hakodesh) telling the truth when He said, "This is my beloved Son?" Do you dare say, no?



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

**Come to Our Meetings.**

Every Friday ________________8 P. M.
Every Monday________________8 P. M.

## OUR MISSIONS

### BROOKLYN, N. Y.

27 Throop Avenue corner Walton Street
REV. LEOPOLD COHN, Superintendent

### PHILADELPHIA, PA.

535 Spruce Street
MR. HARRY BURGEN, Missionary

### PITTSBURGH, PA.

1603 Center Avenue
REV,. JOHN SOLOMON, Missionary

### CHICAGO, ILL.

153 Institute Place
MR. SOLOMON KARCH, Colporter

אין מפעלות השליחים (ברית חדשה) וויאזוי די כהנים און די סנהדרין האבען אין אנפאנג פון דער משיח'ישער באוועגונג פארזוכט אבצושרעקען די תלמידים פון ישוע המשיח אז זיי זאלען אודאי נישט מזכיר זיין דעם נאמען פון זייער משיח, מ'האט זיי אריינגעווארפען אין תפיסה. מאנכע געשטייניגט צום טויט, און דאך האבען די תלמידים נישט אויפגעהערט צו פארקינדיגען די בשורה טובה פון ישוע המשיח. וויאזוי און וואָרום, מיינט איהר, איז דאס אזוי געשעהן? דאמאלס זענען נאך נישט געווען קריסטען, אונטער וועלכען ווארט אידען פארשטעהען — גוי'שע מאמינים אין ישוע המשיח, עס איז נור געווען א אידישע באוועגונג, א אידישער גלויבען אין משיח און די ארימע אידישע תלמידים פון ישוע המשיח האבען געליטען אומבאשרייבליכע גרויזאמקייטען פון זייערע אידישע ברידער צוליעב זייער גלויבען, ביינאהע אזאלכע ליידען ווי אידען ליידען איצט אין דייטשלאנד, און דאך האבען זיי זיך נישט אונטערגעגעבען נייערט געגלויבט און גע'דרש'ענט אין די שוהלען, אין די סטריטען און וואו נישט.

וואו האט זיך אט דיזער כח און די מוטה גענומען צו די ארעמע אידישע תלמידים פון ישוע המשיח? אה דאס איז לגמרי נישט געווען מענשליכער כח נייערט דער כח פון ישוע הכשיח דעם בן אלהים חיים, וואס האט געוואוינט און רעגירט אין זייערע הערצער דורך'ן רוח הקודש. אזוי ווי עס הייסט אין זכריה ג: "לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ד' צבאות".

דערזעלבער כח רעגירט אויך אין איצטיגען דור ביי די היינטיגע תלמידים פון ישוע המשיח. אט קריגען מיר א בעריכט פון די קריסטען איז דייטשלאנד אז זיי שטעלען זיך אנטקעגען דעם המן היטלער אין זיין ווילדען שגעון און ווילען איהם נישט פאלגען. עס איז זיכער אז ער וועט זיך מיט פיעלע אברעכענען אזוי ווי ער האט זיך אבגערעכענט מיט זיינע געגנער פאר אייניגע מאנאט צוריק, דאך זענען זיי אמת'ע העלדען ווען עס קומט צו דער אמונה אין ישוע המשיח.

נאך עפעס— נעמט פאר א ביישפיעל די אידישע מיסיאנערן, וויפיעל צרות זיי האבען זיך שוין אבגעליטען מצד אידישע ברידער. וויפיעל שטיינער מ'האט שוין אויף זיי געווארפען. וויפיעל פאלשע בלבולים מ'האט שוין אויף זיי געמאכט, דאך שטעהען זיי פעסט אין זייער אמונה און דרש'ענען דאס טאג טעגליך צו אידען פון אלע שאטירונגען און טהון זייער ארבייט באמונה. אלץ נור דורך דעם כח פון ישוע המשיח וואס וואוינט אין זייער הערץ און אין זייער געמיטה.

שוין 42 יאהר ווערט די בשורה טובה פון ישוע המשיח גע'דרש'ענט דא אין ברוקלין און די מיסיאנערען האבען אויסגעהאלטען כל'ערליי צרות און נגישות מצד אונזערע אידישע ברידער. גאט ב"ה האט אבער נישט נור אליין אונז מציל געווען פון אונזערע אידישע שונאים נייערט אונז אויך געגעבען די זכיה צו זעהן, ווי זיי, יענע שונאים פון נעכטען, זענען פארענדערט געווארען און זיי זענען געווארען מאמינים בישוע המשיח.

רבנים, רבנים! נעמט אויך איהר אויף זיך דעם כח. פארענדערט אייער טיטל און ווערט פון ר ב נ י ם בעסער ת ל מ י ד י ם פון ישוע המשיח פארענדערט אייער טעטיגקייט וועט איהר אויך די זכיה האבען צו זעהן דורך'ן כח המקום נחת און פרייד אין אידישען לאגער אלץ נור בזכות ישוע המשיח אדנינו מלכנו וגואלינו:

---

## גרויסע אידען



מיר שטעלען דא די ביאגראפיע און דאס בילד פון גרויסען איד מרדכי פוקס פון ברוקלין, נ. י.

מר. פוקס איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען ביי זעהר פרומע עלטערן אין ריגא, לאטוויא. ביי זיין געבורט איז זיין מוטער געשטארבען און דער פאטער האט אויף זיך גענומען די דאפעלטע אויפגאבע אי פון א פאטער און פון א מאמע, זיין זוהן אויפצוציהען על דרכי התורה והיראה. ער האט איהם געהאלטען ביי בעסטע מלמדים און שפעטער איז ער אויך געזעסען אין די ישובות איבער גמרא און מפורשים, וואו ער האט זעהר פלייסיג געלערענט און ג ו ט געלערענט.

ער האט אבער דארט אין יענע פינסטערע און צרה'דיגע מקומות נישט לענגער געוואלט פארבלייבען און האט באלד עוקר געווען נאך אמעריקא. דא אין פרייען לאנד האט ער זיך געפיהלט פריי פון כל'ערליי פרעים און נגישות דאך האט ער זיך ארומגעטראגען מיט א דרוק אין הארצען פון וואו עס האט זיך עפטער ארויסגעריסען עפעס א זיפץ... ווי מיר וועלען שפעטער זעהן איז עס געווען א "גלות זיפץ".

אונזער גרויסער איד איז געווען א גרויסער לעזער. ער האט ספעציעל ליעב געהאט צו לערנען דעם "זוהר" וואו ער האט זיך זעהר אפט אנגעשלאגען אין אונפארשטענדליכע שטעלען וועגען דער אידישער גאולה... דאס איז אבער נור אזוי לאנג ביי איהם געבליבען אונפארשטענדליך ביז ער האט פון איינעם באקומען דאס ספר ברית החדשה וועלכעס האט איהם אלע ביזהעריגע סודות אויפגעוויקעלט און ער האט אויך דאדורך פערשטאנען פיעלע נבואות פון הייליגען תנ"ך מכח דער אידישער גאולה וואס איז ערפילט געווארען אין ישוע המשיח.

דער שרייבער פון דיעזען ארטיקעל האט מיט איהם אין פארשיעדענע צייטען מעהרערע שטונדען צוגעבראכט און זיך פשוט געשפיגעלט אין דעם גאט געבענשטען פנים אויף וועלכען די שכינה האט פשוט גערוהט און ארויסגעשיינט.

אונזער גרויסער איד האט באלד דרויף עפענטליך באקאנט זיין הייליגע אמונה אין ישוע המשיח און האט אויפגעהערט צו זיפצען ווייל די אמונה אין הייליגען משיח פערוואנדעלט דעם זיפץ אין א שמחה און אין א נחמה. אין די אבענדען, האט ער נאך א שווערען טאג ארבייט (ביי זיין פראפעסיאן,) זעהר אפט גע'דרש'ענט אין מיסיאנען צו אידען די בשורה טובה אין ישוע המשיח. די מאסען האבען איהם גערן צוגעהערט ווייל דארט האט גערעדט אי א בן תורה און אי ווארעם הארץ פון א גרויסען איד אין משיח.

זיין נאבעלע ארבייט אין משיח איז אבער פריה געקומען צו אן ענד דא אויף דער ערד. ער איז אהיים צו זיין גואל צדק אין די שעהנסטע מיטעלע יאהרען. ישוע המשיח האט פארשפראכען צו זיינע נאכפאלגער: "איך געה פאר אייך אן ארט פארצובערייטען און דאן וועל איך ווידערקומען און אייך נעמען צו מיר כדי וואו איך בין זאלט איהר אויך זיין. (יוחנן י"ד).

אויף דעם בית עולם וואס הייסט "מכפלה" וואס געהערט צום "בית שר שלום" דא אין ברוקלין, קאן מען נאך היינט זעהן אויף זיין מצבה די אויפשריפט וואס ער האט זיך אליין אויסגעוועהלט נאך ביים לעבען, נעמליך פון איוב י"ט: "ואני ידעתי גואלי חי ואחרון על עפר יקום".

יהא זכרונו ברוך.

---

## אונזערע מיסיאָנען:

ברוקלין, נ. י.

רעוו. לעאפאלד קאהן
27 טרופ עוועניו

---

פילאדעלפיא, פא.

מר' האררי בוירגען
535 ספרום סטריט

---

פיטסבורג, פא.

רעוו. דזשאן סאלאמאן
1603 סענטראל עוועניו

---

שיקאגא, איל.

153 אינסטיטוט פלייס
מר' סאלאמאן קארטש קאלפארטער

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רועה ישראל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דינען משיח.

NOVEMBER, 1934 | רעוו. לעאפאלד קאהן, עדיטאר | VOL. XVII No. 3.


## דער גוי'שער אידענפריינד

מיט א קורצער צייט צוריק איז פארעפענטליכט געווארען אין כמעט אלע צייטונגען א רעדע פון דעם פערנאנטען שטאאטסמאן און דיפלאמאט מר' דזשיימס וו. זשירארד, דער געוועזענער אמעריקאנער אמבאסאדאר צו דייטשלאנד. מר. זשירארד איז פון אידען איינגעלאדענט געווארען צו האלטען א רעדע אין א אידישער שוהל אין ברוקלין, האבען אבער די צייטונגען נישט פארעפענטליכט זיין גאנצע רעדע זאנדערן נור א טייל דערפון, וועלכעס איז גענוג זיך דרויף אבצושטעלען און ציהען א שלוס דערפון.

דער הויפט פונקט פון זיין רעדע איז געווען ווי פאלגט: — "אויב די רבנים פון אמעריקא וועלען זיך נישט פלייסיג די מיה און צייט נעמען. אידען צו ווארענען און מאכען אן ענד צו דער קאמיוניסטישער און באלשעוויסטישער באוועגונג צווישען אידען וועט דא אין אמעריקא פארקומען א שרעקליכער פאגראם אויף אידען אז אפילו די פאגראמען אונטער'ן רוסישען צאר קענען נישט פערגליכען ווערען דערצו, אי אין גרויזאמקייט און אי אין גרויסען פארנעם.

האט דער דיפלאמאט זשירארד דערפאר אפעלירט צו די רבנים און צו סתם אידישע רעדלפיהרער, זיך זויפארט נעמען צו דער ארבייט, צו האלטען עפענטליכע רעדעס וויאויך מיט פערזעהנליכע אונטעררעדונגען וועגען דעם ענין כדי צו פארהיטען אן אומגליק חלילה וואס קאן קומען צוליעב די אידישע קאמיוניסטען.

יעצט שטעלט זיך די פראגע, וויאזוי האבען די אידישע פיהרער און די רבנים בראש, דיעזע ווארנונג פון א גרויסען פריינד אויפגענומען. האבען זיי דאס באהערציגט און אנגעהויבען צו ארבייטען אין דער זאך, אדער איז עס נור געוועזען א "קול קורא במדבר"? אזוי ווייט ווי מיר וויסען האט מען זיך לגמרי דערצו גארנישט צוגערירט. מיר האבען געלייענט אין אידישע צייטונגען איינינגע קורצע ארטיקלען מאכענדיג חוזק פון יענעם שטאאטסמאן און פון זיינע "פריינדליכע" עצות צו אידען און אויף א לצ'נישען אופן באטוינט — "וואס'ארא פריינד קאן מר' זשירארד גאר זיין צו אידען ווען ער רעדט וועגען פאגראמען אויף אידען, בפרט אין א אידישע שוהל אין געגענווארט פון א קהלה אידען".

איינינגע פון יענע אידישע שרייבער האבען זיך באנוצט מיט דעם אלטען פערזשאוועטען שפריכווארט, "באהיט מיך גאט פון מיינע פריינד, פון מיינע שונאים וועל איך מיך אליין אויסהיטען".

בלעטערענדיג דורך די אידישע היסטאריע געפינען מיר פיעלע אזאלכע ביישפילען און מ'קאן באמת זאגען אז געשיכטע ווידערהוילט זיך. אונזערע עלטערן האבען תמיד געהאט די טראגעדישע טבע צו פערווארפען איהרע פריינד און זיך בוקען צו איהרע שונאים און זיי פריינדליך אויפנעמען. מיר ווילען דא נישט אזוי ווייט צוריק געהן ווי צו משה רבינו וועלכער האט אמאל מיט א צאפעלדיג הערץ אויסגעשריגען: עוד מעט וסקלני", מיר ווילען אבער א ביישפיל נעמען פון דער שפעטערדיגע געשיכטע פון אונזער פאלק ישראל. אין ירמיה קאפיטעל כ"ו לייענען מיר וויאזוי די כהנים און די (פאלשע) נביאים האבען אטאקירט דעם הייליגען נביא ירמיה און איהם געוואלט הרג'ענען. ווייל ער האט געהאט דעם מוטה און "עזות'קייט" צו זאגען נבואות אז די שטאדט ירושלים און דאס בית המקדש וועט חרוב ווערען. און ווייטער איז די 37 און 38 קאפיטלען לייענען מיר וויאזוי צדקיהו דער קעניג פון יהודה מיט די כהנים האבען איינגעווילגט ירמיהו הנביא אריינצואווארפען אין דער שרעקליכער תפיסה וואס הייסט "בור". פול מיט ליים און בלאטע, און ווען נישט אן עבד כושי וואלט דער נביא דארט אויסגעגאנגען.

וואלט איהר ליעבער לעזער זיך גאר געקאנט פארשטעלען אז אונזערע פיהרער זענען געווען פעהיג צו טהון אזא גרויזאמע זאך, ספעציעל מיט א אידישען ברודער, נביא און פריינד, פאר דעם איינציגען פארברעכען וואס ער, ירמיה הנביא האט זיי געווארענט גענען דער שרעקליכער קאטאסטראפע וואס האט איבער זיי געהאנגען? א פשוט'ער כושי (א שווארצער ניגער) האט יא רחמנות געהאט איבער דעם נביא און איז באלד געלאפען צום מלך צדקיהו און געבעטען אז ער זאל איהם ערלויבען דעם נביא צו רעטען און אידישע פיהרער האבען עס נישט געוואלט טהון. דער מלך האט זיך שטארק פארשעהמט פאר דעם ניגער און האט באפוילען אז 30 מענשען זאלען געהן און העלפען דעם כושי ארויסציהען ירמיה הנביא פון דעם גרובען.

לאמיר איצט אקארשט צוריק געהן צו די ווארנונגען פון מר. זשירארד. אז אט דער שטאאטסמאן זשירארד איז א גוטער פריינד פון אידען איז א גוט באקאנטער פאקט, יעדער איד וואס לייענט ענגלישע צייטונגען און מאגאזינען וויים עס און קאן נישט בלייבען גלייכגילטיג צו איהם אלס א פריינד פון אידען. נאכדעם ווי ער איז געווען פאר א לאנגע צייט אלס אמעריקאנער אמבאסאדאר צו דייטשלאנד, האט ער צייטענווייז באנוצט געוויסע געלעגענהייטען אין וועלכע ער האט די דייטשען אהערגעשטעלט אין זייער ווילדקייט, גרויזאמקייט און פוסטען שטאלץ. און דערפאר קאנען מיר איהם לחלוטין נישט חושד זיין צו האבען אין זיך אפילו א חשש פון דייטשען אנטיסעמיטיזם. טא פרעגען מיר — ווארום זאלען אידען שטילשווייגען? ווארום נישט אויפנעהמען מיט דאנקבארקייט די אזהרה פון אזא גרויסען אידען־פריינד?

פארוואס געהען נישט די רבנים וואס זייער צאהל איז קיין ע"ה גרוים אין אמעריקא צו דער ארבייט? פארוואס טהון זיי נישט דאס שליחות פון א שומר צום פאלק ישראל, נעמליך, "הרם כשופר קולך", האלטען מאסען פערזאמלונגען און אפעלירען צו די אידישע קאמיוניסטען און באלשעוויקעס אבצולאזען זייער טעטיגקייט. זיי וואלטען זיך דאך מישב געווען און נעקרוגען איינזעהען און סימפאטיע מיט אזוי־אויך־נענוג פארפאלגטע אידישע נאציע און זיי וואלטען נישט פאראורזאכט נייע צרות אויף אידען. וואלט דאס נישט געווען בעסער אלס זיך צו באשעפטיגען מיט הכשרים און פלאמבעס וואס פיהרט צו מחלוקת און צו חלול השם?

פארוואס—פרעגען מיר—זאלען די רבנים און סתם פיהרער דורך זייער שטילשווייגען זיך שטעלען אין אזא סיטואציע וועלכע קאן אויף זיי אנווענדען דאס וואס ישעיה הנביא זאגט אין קאפיטעל נ"ו, 1: צופיו עורים כלם לא ידעו כלם כלבים אלמים לא יוכלו לנבח הזים שכבים אהבי לנום... ד"ה: "די היטערס זענען אלע בלינד, זיי וויסען עס גאר נישט, זיי זענען אלע שטומע הינד, זיי קענען נישט בילען, זיי פאנטאזירען ליגענדיג און ליעבען צו דרימלען". האבען זיי אפשר מורא אז מ'וועט זיי הרג'ענען, שלאגען? אדער אפשר אז זיי וועלען דאס רבנות פארלירען?

נישט אזוי איז עס אבער מיט די תלמידים פון ישוע המשיח. אט לייענען מיר אין מתתיהו און


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1,